STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05766

VEGN TSVEY UN ANDERE

Eliezer Blum

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

װעגן צװײ

און אַנדערע

פון

ב. אלקװיט

ניו יאָרק
פאַרלאַג אינזיך

Copyright 1931

by

Eliezer Blum

עטי׳ן

אינהאלט

אויף דער ליפּ פון יאַם

באַגינען........................ 9
פאַרנאַכט לעבן יאַם.......... 10
פון יאַם........................ 11
וועגן צוויי.................... 12
וואָס דער וואַגאַבונד
האָט מיר דערציילט........ 14
נאַכט.............................. 16
אין שטילקייט.................. 17
נאַכט־סילועטן................. 18
נאָכ׳ן קאַרניוואַל............. 20
איך האָב געזען דאָס פאַלן
פון דעם ערשטן שניי.... 22
געשטאַלטן....................... 24
אַ נעפּלדיקער טאָג........... 26
אַ פידלער....................... 27
אַ קאַבצן........................ 28
פאַר אַ ביין..................... 29
לעוואָנע.......................... 30
איינגעמויערט.................. 31
סאַן פראַנציסקאָ
ווינטן.............................. 32
פויגל................................ 33
דיינע גראָזן...................... 34

שטאַם פון מיין שטאַם

אַ צייכן........................... 37
דו ביסט........................... 38
צו אַ דיכטערן
שטאַם פון מיין שטאַם...... 39
שטילקייט און טרויער...... 40
צו דיר — פון מיר........... 41
אַז די ליבע פייגל............ 42
דאָס ליכט פון דער וועלט.. 43
סעפּטעמבער.................... 44
אויף איין מינוט............... 45
טריאָלעטן........................ 46
פאַרגאַנג.......................... 49
אַקאָרד............................ 50
דיין האַרבסט.................... 51
דערינערונג...................... 52
זעכצניעריקע.................... 53
אַנדזשעלינאַ.................... 54
לײדים.............................. 56
אַ גאָרטן.......................... 58

אָונטלאַנד

פּרעלוד............................ 61
צו מיינע ברידער.............. 62
מיר................................. 64
Vortex............................ 65
שפּיגלשפּראַך.................. 66
ערד................................. 67
שאָטנבערג
טאַפּעטן.......................... 68
דאָס ווייפּלטע מאָל........... 69
שאָטנבערג....................... 70
לײם................................ 71
אַרום דעם רונדן טיש........ 72
מעמענטאָ........................ 74
אומענדלאַך...................... 75
זונפאַרגיין....................... 76
מיט לודוויגן..................... 77
אָונטלאַנד....................... 79
די יונגע זקיינים.............. 80

I

אויף דער ליפּ פון יאַם

[וועגן צוויי
און אַנדערע]

באַגינען

איך בין געשטאַנען אויף די ברעגן פון באַגינען.
פון זיינע האַפּנס האָבן באַשטערנטע זעגלען
געפּלאַטערט
צום נאַכטבלויען יאַם-ברעג.
האָב איך געהערט דאָס אַנקערן
פון דעם קומענדיקן טאָג.
און דער עכאָ פון די אַנקער קלעפּ
האָט זיך ווייט און ברייט פאַרשפּרייט,
און צוריק געבראַכט אַ הילפרוף
פון אַ זינקענדיקער שיף.

פאַרנאַכט לעבן יאַם

דיין לעבן איז ווייט

און טיף אין די נעפּלען שטייט די זון ווי אַ ספינקס פון דיין גאָלדענעם שווייגן.

עס וויגט מיך אין כאָלעם דער שוים אויף די איינזאַמע זאַמדיקע ברעגן.

איך בין אַליין. קראַנק פון ליבשאַפט בין איך און אָרים ווי אַ בעטלער.

נאָר די מוירע פאַרן טויט הענגט אַזוי קיניגלאַך-רייך אויף מיינע אַקסלען.

קיל איך דעם איינזאַמען זאַמדיקן ברעג:

שטילע כוואַליעס, וואַשט אָפּ דעם טרויער פון מיינע געדאַנקען.

פון יאַם

אויף דער ליפּ פון יאַם זענען דאָ שיידים און רוכעס און יאַם-רויבער.
די כאַלוימעס פון הערלאַכע שטעט און ווייטע גאָלדענע לענדער
רעדען אַראָפּ פון דער ליפּ פון יאַם.
נאָר דער יאַם אַליין איז אַ גרויע, וויסטע, שטורימדיקע איינזאַמקייט,
וואָס וואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד.

יאַם-רויבער, שיידים און רוכעס —
טרייע קנעכט פון דער הערלאַכקייט,
ערגעץ קלינגט איר שטאָלץ מיט קייטן —
האָט ווער נאָך געזען אַ לאַנד אַזוי איינזאַם ווי דער יאַם?

אויף דער ליפּ פון יאַם ציטערט טויט גענוג
פאַר אַלעמען פון אונדז.
פרייהייט ברומט די ליפּ פון יאַם.

װעגן צװײ

צװײ זענען זײ געװען
יונגען אין די צװאַנציקער באַם ברעג פון יאַם.
און זײ בײדע זענען אָרים געװען װי די פײגל,
און בײדע האָבן לידער געזונגען.

איז אײנער געװאָרן אַ בריק איבערן װאַסער
צו די שװערע געאַנקערטע שיפן,
און דער אַנדערער האָט מיט אים די אויצרעס געטראָגן
פון די שװערע געאַנקערטע שיפן.
אויף אײגענע פּלײצעס האָבן זײ שיפן געבראַכט צו די ברעגן,
און גרינג איז געװען זײ דאָס לעבן.
שװער זענען נאָר די זיגלען געװען
פון די שװערע פאַרזיגלטע אויצרעס.

ביז אײנמאָל האָט אַ װײטע פרעמדע בענקשאַפט
געאַנקערט אין זײערע לידער,
האָבן זײ געקושט זײערע מײדלאַך.
און די מײדלאַך האָבן נישט געװײנט.
נאָר פון זײערע באַקן האָט געשמעקט
אַ דינער פײכטער רײאַך פון טרערן.

און װער זענען די מײדלאַך געװען?

געווען זענען די מיידלאך פון הויז לעבן יאם.

אז איינמאל האט א ווייטע פרעמדע בענקשאפט
געאנקערט אין זייערע לידער,
האבן די יונגען דערזען
אז זיי האבן ניט מיט וועמען צו געזעגענען זיך.
האבן זיי די הערצער געבראכט
אין דעם הויז לעבן יאם,
וואו די קליידער פון אלע מיידלאך
האבן געשמעקט מיט דעם זאלץ
פון ווייטע פרעמדע ברעגן.

און די מיידלאך זענען מיט זיי געגאנגען,
זייערע לידער געזונגען.
און דריי נעכט מיט זיי געווען
אויפן קילן יאם-זאמד
אונטער דעם גרינעם געזאלצענעם הימל.
פון זייערע רייד האט געטרערט
אַ בענקשאפט צו ווייטע פרעמדע לענדער.
און די מיידלאך האבן נישט געוויינט,
נאר די יונגען האבן אויף זייערע באקן אוועקגעטראגן
דעם דינעם רייאך פון מיידלשע טרערן
אין די ווייטע פרעמדע לענדער.

וואָס דער וואַגאַבונד האָט מיר דערציילט

כ׳בין איינמאָל אוועקגעפאַלן
און איינגעשלאָפן ווי אַ זומפּ
אין שטאָטישן פּאַרק לעבן טייך.
און ווען כ׳האָב אויפגעוואכט
איז לעבן מיר אויף דער ערד געלעגן
דאָס גאַנצע בלויע הימלרייך
מיט אַלע ווייסע וואָלקנס און שטערנוועגן.
כ׳האָב געוואָלט שרייען און נישט געקענט,
וואָרים אַ גרויער מאָנומענט האָט פּלוצלינג
זיך שטיל צעגעניצט, געעפנט די אויגן,
לעבן מיר אין פייכטן גראָז זיך אויסגעצויגן
און ווי אַ וואונדערלאַך געזאַנג
מיר געגעבן זיין שווייגן
מיט די אָפענע אויגן און שטיינערנע הענט.
און מירביידע האָבן געזען

ווי אָרום אונדז אויף דער ערד
קניען די ווייסע פּולע וואָלקנס
ווי נאַקעטע שוואַנגערע ווייבער.
און פון זייערע צייטיקע קערפּערס
גליטשן זיך אַרויס סערפּיקע לעוואָנעס
און שפּרינגען ווי זילבערנע קראָליקעס
אויף די ביימער
און — — — — — —
אויף מיינע נעמאָנעס,
עס איז געווען נאָך מער צו זען
נאָר דאָ איז אָנגעקומען פּאָליציי
און מיך געהייסן גיין.

נ אַ כ ט

קומט אַ וואָגן אָן פון ווייט,
כאַפּט די שטילקייט און אַנטלויפט.
כאַפּט דאָס ראָד אַ בענדל אויף
פון נאַסן ברוק,
און דער רעדער־קלאַפּ
יאָגט דעם וואָגן נאָך.
לויפנדיק
כאַפּט דער רעדער־בראַזג
פאַר די אויערן מיך
און שלעפּט מיך מיט
ווי דאָס בענדל אינם ראָד.

צווישן פאַרשלאָפענע ווענט
לויפן מיר אַלע
מיט אַ ליאַרם
אין דער נאַכט.

אין שטילקייט

טויט שלאָפט אין שטאָט.
שטילקייט פליסט פון שטיין צו שטיין.
שוואַרצע כוואַליעס טרויער
שלאָגן אויף די ברעגן פון דער וועלט.

אין די נאַכטיקע גאַסן,
דורך אַלע מיינע טעג און ביכער,
בין איך אַ שוואַרצער היעראָגליף אין דער בלויער נאַכט.
איך טראַכט פון טויט
און לייען די שילדן אויף די קראָמען.

האַלבע נאַכט רוט מיין קאָפּ אויף אַ ווייסן שטיין
און הערט די שוואַרצע כוואַליעס טרויער,
וואָס שלאָגן אויף די ברעגן פון דער וועלט.

מיט שבעה-טריט שלייכט דאָס לעבן אַרום מיר.

נאַכט־סילועטן

א

ווילד פרעמדע שטימען
פירן נאַקעטע געשפּרעכן
אין מיין אַליינקייט.

פינצטערע געשטאַלטן
שטומען אין די קוואָרים,
וויינט פון זיי מיט פוילער ערד
וויינט אין מיין אַליינקייט.

האָט אַ שטיק ערד
פון יעסאָד זיך אָפּגעריסן
און וויינט אין אַליינקייט.

ב

קנוילן שטילקייט.
אַ בלייכער שפּין
פֿאַרוועבט מיין געשטאַלט איבער די מויערן.

איצט בין איך אַ קנויל
אין דער וואַרימער נאַכט
וואָס שלאָפֿט אין די אָרעמס פֿון דער שטילער שטאָט.

אויף דעם האַרץ פֿון דער נאַכט
שלאָפֿן וואַקסענע פּרויען.
און האַרטע בראָנזענע מענער
שלאָפֿן ווי טויטע לייבן
מיט זויג-קינדער ביי דער האַריקער ברוסט.

און איבער זייער שלאָף
אין שטילער איינזאַמקייט —
אַן ערדענער, אַ ליידיקער טאָפּ בין איך
אין נאָכלאָזיקע הענט.

נאָכ׳ן קאַרניוואַל

עס שלאָפן די מידע קאַרניוואַלער.
אויף גראָע געוואַנטן שלאָפן און כאָלעמען די צעבראָכענע מאַסקן
פון די מידע קאַרניוואַלער.

עס קוקן די גאַסן ווי שטויביקע געצן.

דער לעצטער שלאָס מאַכט אַן אייזערנעם קנופּ אין דער
פינצטערניש
און גיט אַ פּראָסטיקן קוש אין דעם שוואַרצן פּאָנים פון דער נאַכט.

שטומע שטימען פון נאַקעטן שטיין,
שטימען פון אייזערנע ריגלען און שלעסער,
רעדן צו די אויערן פון די שטויביקע געצן.

אין שטילע פינצטערע כאַדאָרים
קניפּן סוידעס די רעגעס פון לעבן אָן רעגעס פון טויט.
אין סוידעס-פינצטערע כאַדאָרים
בעטן און ראַנגלען זיך בלאַסע הענט מיט בלוט-פלעקן אויף
קליידער.
און יעדער פלעק איז אַ צונג —

אַ רויטער שטומער קנופּ פון טויט און לעבן.

אין שוואַרצער וואַרגנדיקער פּאַרכט
עפענען זיך די קרומע מיילער פון די מאַסקן.
ווי אַ בלייכער הונגעריקער וואָלף צאַפּלט אויף די שטילקייט,
וואָס שפּיגלט זיך אין דעם שוואַרצן פּאָנים פון דער נאַכט —

עס רירן זיך די געצן פון די ערטער.

כאָרעווע טעמפּלען.

און איבער זייער שטויב,
איבער הייזער אייזערנע ריגלען און שלעסער
טרעטן די שטיינערנע געצן.
און נאַקעט הענגט דאָס לעבן פון די מידע קאַרניוואַלער,
נאַקעט דער ווילן פון די געטער.
און ניטאָ קיין שפּאָט פאַר דער נאַקעטקייט פון געטער.

אויף גראָע געוואַנטן שלאָפן און כאָלעמען די צעבראָכענע מאַסקן
פון די מידע קאַרניוואַלער.

איך האָב געזען דאָס פאַלן
פון דעם ערשטן שניי

די נאַכט בינדט שטילקייט אַרום די הייזער.
פּאָעטן און נאַכט־אַרבעטער
מעדיטירן אין די נעפּלען.
דערטרונקענע וואַרפט זיי די נאַכט אַרויס
אויף די זאַמדיקע ברעגן אין באַגינען.

בלויז דער געלער טורעם־זייגער וואַכט
און ציילט די צייט
ווי קאַרגע מינצן אויף די שטיינער.

די נאַכט בינדט שטילקייט אַרום די הייזער.
די שלאַנקע טורעמער אין די נעפּלען
זענען די ריטער פון גרויען פּאַרצייטן
וואָס וואַכן איבער די גאַסן
פון אַ טויטן רייך.

די נאַכט —
אַן אַלטע פאַרלאָזענע פרוי
בלאָנדזשעט דרימלענדיק
אין די פינצטערע צימערן פון איר הויז.

אונטער אַ שיכט פון קאַלטן זילבער
לייכט דער טרויער אויף איר פּאָנים
אין די פינצעטערע צימערן פון איר הויז.

די נאַכט וויינט נישט אין איר איינזאַמקייט.
די נאַכט טראָגט קאַלטן שטאָלץ
אין דעם האַרץ פון איר טרויער.
בלויז דאָס געלע פּאָנים פון דעם טורעם-זייגער
ווייסט דעם טרויער פון איר טויטן רייך.

העכער פון איר טרויער
טראָגט די נאַכט איר שטאָלצן זילבער קאָפּ,
אין די פינצטערע צימערן פון איר הויז.

געשטאַלטן

וויפל האָב איך שוין געזען געשטאַלטן פון מיין לעבן
און וויפל פון מיין טויט.
היינט, מיט דעם ערשטן רייאַך פון הערבסט
איז עס געווען אַן אַלטער אַקראָבאַט.
אויף אַ גראַזיקער לאַטע פאַר מיין הויז
האָט ער אַ קאָזשעליק געמאַכט
און געזונגען צו דער פּערטלדיקער לעוואָנע:

אָ, דו מיין גאָלדענע באַנאַנע,
רייץ ניט ווען דער הונגער כאַפּט אַ דרימל.
מיין ווייב איז מער זיך נישט מעהאַנע
מיט אַ בייקע וועגן טעלערל פון הימל.

דערנאָך האָט ער געשטעלט זיך אויפן קאָפּ
מיט הענט און פיס צעצווייגט
ווי אַ בוים אין דער נאַכט.
און ער איז געפאַלן ווי אַ טויטער בוים,
וואָס די פוילע ווינטן פון זיינע אַלטע יאָרן

האָבן אויסגעריסן פון דער נאַכט.

ווייפל האָב איך שוין געזען געשטאַלטן פון מיין טרויער
און ווייפל פון מיין פרייד.
היינט, מיט דעם ערשטן פריילאַך פון דער זון
איז עס געווען אַ יונגער פריילאַכער בעטלער
אין מיטן דער רווישיקער שטאָט.
און היינט איז מיין ווילדער באַוואָקסענער קאָפּ
אין מיטן דער רווישיקער שטאָט,
אַ קליינע שלאָפנדיקע ווילדעניש
וואו עס טאַנצט אום אַ פויגל אַ פרייער
און זינגט מיט אַ פריילאַך אָן ווערטער.

אַ נעפּלדיקער טאָג

ביז צום לעצטן שאָטן אַ פאַרפוילטער
האָט דער טאָג אוועקגעלייגט זיך
אויף די נאַסע ווענט.
ווי קיינמאָל וואָלט די נאַכט באַ אירע גרעניצן
אַזאַ פוילקייט ניט געזען,
איז זי אויף די דעכער פאַרבליבן
און קוקט אַראָפּ
ווי אין דעם שיין פון לייכטנדיקע פענצטער
שטרעקן זיך אויס געלע הענט
און רייסן שטיקער
דורכגעפוילטע גלידער פון דעם טאָג,
און וואַרפן זיי ווי נאַסע שמאַטעס
אויף די שאָטנס
וואָס שלייכן דורך דער גאַס.

אַ פידלער

אַש פון זעכציק יאָר און עפּשער מער.
שטאָלענע שפּיזלען פון לעוואָנע האַלטן דיינע אויגן,
אַז דו שפּילסט
אויף דעם דינדינעם פידל,
אַז דו שפּילסט דעם סטאַר ספּעננעלד
אויפן ראָג פון אַכטער עוועניו
מיט אַ בענקשאַפט אַזש פון פּוילן.

אַש פון זעכציק יאָר און עפּשער מער,
היט דעם שטילן, זילבער־קילן לעצטן פונק.
אָ, וויפל סרייפעס האָט דיין פּאָנים שוין געזען.

געמיט מיינער — פעלז מיט טויזנט שראַמען,
איז שוין גאָר קיין רו ניטאָ
אַפילע ניט פאַר טויטע ביינער?
וואָס זשע ווײנט עס אין דעם שטילן, זילבער־קילן פרידן
פון אויסגעברענטע אַשן,
דו גאַסנשפּילער,
אַז דו שפּילסט דעם סטאַר ספּעננעלד
מיט אַ בענקשאַפט אַזש פון פּוילן.

אַ קאַבצן

איך קום פון שטאָט.
איך בין דער כאָלעם פון שטיין.
דערפאַר בין איך אַזוי דין און גרוי,
און כ'האָב קיין שטימע נישט.
דערפאַר וויל איך מיט מיין געוויין
אויפן מאַרק נישט גיין
כאָטש כ'בין אויך אַ קאַבצן אין זיבן פּאָלעס.

פאַר א ביין

מיט דעם קלאַנג פון א מאַטבייע
האָבן זיי געמאָסטן מיין געדאַנק
און כ'בין דאָס וואָכנליד
פון שטאָט און גאַס געוואָרן
פאַר פייפנדיקע לאָבוסעס
ביינאַכט אין ווינקל גאַס.

און דו האָסט מיך געזען
ווען איך האָב זיך געדונגען מיט דער שטאָט,
וואָס האָט מיין מאַרך,
מיינע הענט,
און מיין אָטעם אָפּגעקויפט.
פאַר א ביין,
פאַר א ביסל זאַלץ,
פאַר גראָשנס צוויי.

לעוואָנע

די לעוואָנע איז אַ גרייזגראָע מיידל
וואָס נאַכטוואַנדלט איבער די פינצטערע הייזער
פון אונדזער שטאָט.
פון אירע אויסגעלאָשענע אויגן
טריפן קאַלטע טרערן אויף די קעפ פון די הייזער.

אין פאַרפייניקטער פרייד
וואַכן מענער אויף בעטן
און הערן דאָס געוויין איבער די קעפ פון די הייזער.

די לעוואָנע איז אַ גרייזגראָע מיידל
וואָס האָט איר בעט פאַרלאָזן
און נאַכטוואַנדלט איבער די גאַסן
פון אונזער שטאָט.
מיט קאַלטע ליפּן קושט זי די קליידער
פון שיכּורים און גאַסנמיידלאַך.

אײנגעמױערט

עס װעט נישט העלפֿן אונדז דאָס פּאַכען מיט די הענט און שרײַען.
מיר האָבן אַלײן אין װענט זיך אײַנגעמױערט
און װעלן פֿון זײ זיך ניט באַפֿרײַען.
מיר האָבן דאָס לײם פֿאַר ציגל אין אונדזער אײגן בלוט געברענט,
און שטײן צו שטײן מיט אונדזער אײגן פּעטש געקלעפּט,
און אױפֿגעמױערט זיך הױכע װענט.
עס האָט די פֿיבער-שנעלקײט פֿון אונדזער בױען אונדז
פֿאַרבלענדט
און בױענדיק האָבן מיר אין די מױערן
אײַנגעמױערט דעם פֿיבער פֿון אונדזערע הענט.

עס װעט נישט העלפֿן אונדז דאָס פּאַכען מיט די הענט און לױפֿן,
מיר האָבן אַלײן מיט פֿיבער, פּעטש און בלוט זיך אײַנגעמױערט
און קאָנען פֿון דאַנען נישט אַנטלױפֿן.

סאַן פראַנציסקאָ

ווינטן

ווינטן וואַלטן דאָ און שאַלטן
ווינטן, דינע דאַרע דאָן קיכאָטן
טראָגן זיך מיט ווייסע נעפּל-מיידלאַך
אויף די גאַסן פון פּאַסיפיק:
אויסגעראָטן שוין די סאָנים פון דער וועלט.
דאָס בייזע איז שוין אַלט און גוט.
און יעדע רעגע גרעזלט פון דער ערד
מיט צערטלאַכקייט פון נאַכט און טרויער.
און דאָס גרויע אַלטע האַרץ פון זוניקן בעטלער
קניט באַ מיינע קניען:
אמאָל אמאָל איז דאָ געווען אַ ווילדע וואַלדעווילדע.
און ווילדע האָבן דאָ געשטרייט
מיט ווינטן איבער מיידלמילן.
איצטער שפּילט און גרינט און העלט
אַ נייער ניגן אין די ווינטן.
און אין מיטן פון דער וועלט
שטייט אַ שטילער גרינער פרידנס-באַרג
ווי דער קייוועך פון אַ גרויסן בייזן גאָט.
איבער זיין אַלטן באַוואַלדיקטן קאַרק
זעצט זיך יעדן פאַרנאַכט די זון
ווי אַ יונגער גאָלדיק-רויטער האָן
און קרייעט: קוקעריקו.

פ י י ג ל

רויבפייגל שאַרפן די אייזערנע שנאָבלען
אין דעם גרינעם מאַרמאָר פון שטילן יאַם.
רויבפייגל און ווייסע נעפּלען־שפּינען
רוען אויף די פינצטערע פעלזן
פון שטילן יאַם און פריסקאָ בעי.
און יעדן מאָרגן שטייען אויף די אַלטע בלינדע ווינטן
און וויגן די שטאָט ווי אַ רויטן גרינעם גלאָק
וואָס הענגט אַראָפּ פון הימל.
נישט קיין גלאָק —
אַ הענגלייכטער פון הימל
וואָס לייכט פאַר זיך אַליין
איז די שטאָט פון דעם הייליקן פראַנציסקוס.
די פייגל ווערן אַלט און בלינד ווי מענטשן.
די מענשען זענען אַלט און יונג
און קוקן מיט שמאָלע אויגן פון געלער בענקשאַפט.
די ביינער ווערן ווייך ווי וואַקס פון בענקשאַפט
ווען פאַר די שמאָלע אויגן שווימען
קליינע בערגלאַך שטעט און דערפער
צום גאָלדענעם טויער אין די נעפּלען
אין די ווייטע גרויע מידבאָריעס פון שטילן יאַם.
אויף די ווייטע גרין פאַרשימלטע העסעס
פון דער הענגלייכטער־שטאָט
ברענען, בליען, שווימען און פאַרשווינדן
קליינע אָאַזיסן
אין די גרויע מידבאָריעס פון שטילן יאַם.

דיינע גראָזן

כ׳טראַכט פון דיינע גראָזן, וויטמאַן,
און הער דעם רויש פון גרויסן
שטיינערנעם וואַלד מאַנהעטן.

II

שטאַם פון מיין שטאַם

[וועגן צוויי
און אַנדערע]

אַ צייכן

גיב מיר אַ צייכן פון דיין לעבן.
אָן לאָשן לאָז הערשן דיין ווילן איבער מיר.
אין טויב-שטומע נעכט
איז מיין טרויער אַ לעבעדיקער שטראָם וואָס בעט:
אין מיין הארץ פוילן וואָרצלען פון גלויבן.
מיט שטויביקע פינגער פירט די צייט איבער מיר.
איבער דעם גרין פון מיין לעבן.
איבער מיר שווימט דאָס פארוויאַנעטע גראָז פון בענקשאַפט.
גיב מיר אַ צייכן פון דיין לעבן.
לאָז מיך פילן דעם צאַר פון דיין זיין.

ד ו ב י ס ט

ביסט אייביק שיין,
ווי אייביק, שווארץ און שיין עס איז
מיין אייביקער באגלייטער — דער טויט,
וואָס טראָגט אויף זיך דאָס פּאָנים פון דער ערד.
ביסט געטלאך ווי די ערד.
א ווילדער פלאנץ שטיי איך אויף
צו טרינקען פון דיין ליכט,
און אָנקניפּן מיין גייסט
מיט דעם גייסט פון דער ערד.

צו אַ דיכטערן

שטאַם פון מיין שטאַם

שטאַם פון מיין שטאַם ביסטו.
און כ׳פיל דאָס גרינען און וועלקן
פון דיין יעדן בלאַט באַזונדער.

גרין פון מיין בלוט ביסטו.
און ווי ווילדער יאַם-פלאַנץ
שווימסטו אין מיין בלוט.

ווי די שטאַרקע וואָרצלען
דריק איך דיינע צווייגן
צו מיינע גרונטן.

ווי אַ טיפער פרידלאַכער גאָרטן
אויף די גרונטן פון טייכן
ביסטו אין מיר.

כ׳וועל דיך פון הערבסטיקן הימל באַהאַלטן.

ש ט י ל ק י י ט א ו ן ט ר ו י ע ר

שטילקייט און טרויער
האָט געבראָכן שלעסער פון מיין זעל פאַר דיר.

אין שטילקייט און טרויער
האָב איך זיך געגראָבן דורך ערד און פינצטערניש.
און כ׳האָב געהאָרכט צו וואָרצלען פון דיין שטאַם.

אין שטילקייט און טרויער
לאָז מיך אייביק לעבן
אין די גרינע היגלען און לאָנקעס
פון דיין געזאַנג.

צו דיר—פון מיר

איך, ווינטיקער סאָפּזומער
רייס אויס פון מיר אַ סאָסנע
און שרייב דיר גליענדיקע לידער
מיט זון און ווילדן האָניק
אויף מיין לויטערן הימל
פון מיר —
צו דיר —

ניין, ס׳איז נישט הערבסט
אַ יונגער לייב הויערט איבער מיר
און אָטעמט מיט פייער
אויף דעם גרין פון מיין זומער.

די אַלטע דערפּאַרענעביימער
וואָס טייטלען מיט פאַרוויאַנעטע פינגער
וויסן פון יאָמען פאַרבאָרגענעם גרין
אויף נייעם פרילינג.

באַנעם דאָס שווייגן פון די שטאַמען.
הער דעם רויש פון פלאַמען
אין מיינע לידער צו דיר —
פון מיר —

אז די ליבע פייגל

אז די ליבע פייגל ווערן מיד פון ליבשאַפט
און גראָבן איין די קעפ אין נאַכט
ליג איך באַ דיינע ברעגן
מיט ווילדע האָריקע קלאָען אויף מיינע געדאַנקען
און קוק דער וועלט אין פּאָנים אַריין.
איך בין אוראַלט. כ׳קאָן די פריסטע טעג
וואָס האָבן מיט האָריק ווילדע פיס געטראָטן
אויף יונגער ערד.
די ערד איז גרין. די ערד וועלקט פאַר מיינע אויגן.
אויף אַ ווייס פּייערדיקן שווייגן
פאַרשרייב איך די נעמען און זאַכן
וואָס שטייגן אויף פאַר מיר מיט די גרינע
טווישנדיקע כוואַליעס אויף דער ערד.
די ערד איז גרין. דאָס גרין איז אייביק גרין.
די גלוביקע רייד פון מיין טאַטן און זיידן
ריידן פון מיינע יונגע ביינער
באַ דיינע ברעגן.
ווי זיי קוק איך און שווייג דער וועלט אין פּאָנים אַריין.
דיין פּאָנים איז אַ נעסט
מיט שלאָפנדיקע פייגל.

דאָס ליכט פון דער וועלט

איבער דעם ווייטן יאַם גליטשט זיך שטיל דאָס ליכט פון דער וועלט.

שטיל. בלויז —
אַ גרויס בלוי שווייגן הערשט איבער דער וועלט.
איבער די שיכטן,
איבער די אויצרעס פאַרפרוירענע שטילקייט
וויינט די האַנט פון באַשאַף.

אויף דער גאַנצער ווייט און ברייט פון דער שטילער ערד
ליגט דאָס ווייסע לייב פון פרוי.
אַריבער אַלע שווייגנדיקע רוימען
שוימט דאָס ווייסע לייב פון פרוי.
ווי די שטאַפּעטן פון אומגליק
צעלויפן זיך אירע ווייען איבער אַלע וועגן פון דער וועלט.

שטיל. בלויז —
אַ גרויס שווער שווייגן זעטיקט זיך אויף דער שטילער ערד.
איבער די שיכטן,
איבער די אויצרעס פאַרפרוירענע שטילקייט
רוט די האַנט פון באַשאַף.

סעפּטעמבער

ווי אַ שטילע זאַטע קאַץ
ליגט די נאַכט אינ'ם דרימלענדיקן צימער
און שפּילט זיך מיט דער לעוואַנע.

מיד הענגען די שווערע גאַרדינען, ווי מידע וויעס
איבער די אויגן פון דרימלענדיקן צימער,
וואָס כאָלעמט דעם כאָלעם פון אַ יונגפרוי אין סעפּטעמבער.

ווייכע וויינענדיקע טריט
קושן שטיל דעם דיוואַן אין דרימלענדיקן צימער.
דורשטיק זיידנצייג קושט דעם אומעט,
וואָס שלאָפט אין די מידע גלידער פון דער יונגפרוי.
אייביקער אומעט קרוינט איבער שאָטנס פון גאַרנישט.

אויף איין מינוט

אויף איין מינוט ווענד אָפּ פון מיר דיין לויטערקייט,
וואָס האָט מיין אויגן־ליכט פאַרטונקלט —
אויף איין מינוט.

מיד ווערן מיינע כושים
אין דעם רויש פון דיינע טריט.
מיינע הענט
הענגען פאַרשעמטע.
מיינע קאַלטע ליפּן
דורשטן צו דיין זיידנצייג
און קענען עס ניט גרייכן.

טריאָלעטן

1

אַ צייכן בלויז צו געבן פון דיין זעל
ביסטו געקומען דאָ, צו זיין אַ שווינדל-בריק
פון יאַם צו יאַם, מיין פינצטערער געמעל;
אַ צייכן בלויז צו געבן פון דיין זעל.
דו קומסט פון נעפל-יאַם אַ שוימענדיקע וועל
וואָס קילט דעם ברעג און קערט זיך אום צוריק —
אַ צייכן בלויז צו געבן פון דיין זעל
ביסטו געקומען דאָ, צו זיין אַ שווינדל-בריק.

2

גאָלדיק לעבן איבער בערג און טאָלן
אויף דעם אָוונטס גרינע פּלוינען, זילבער שאָף,
כ'האָב אַליין דיך דאָרטן אויסגעמאָלן,
גאָלדיק לעבן איבער בערג און טאָלן.
כ'ברענג דיר טוי אויף גליענדיקע שאָלן
פון דעם מאָרגנס אויפגעוואכטן גראָזן-שלאָף,
גאָלדיק לעבן איבער בערג און טאָלן
אויף דעם אָוונטס גרינע פּלוינען, זילבער שאָף.

3

און כּוישעך ברעקלט דרימלענדיקע קלאַנגן
פֿון יונגער ליבע אין פֿאַרגעלטע בריוו.
עס שוועבן אָפּגעוועלקטע צאַר געזאַנגען
און כּוישעך ברעקלט דרימלענדיקע קלאַנגען.
עס רויטלען אויף די ווערטער מיט פֿאַרלאַנגען —
דו שוואַרצער סוידעספולער היעראָגליף.
און כּוישעך ברעקלט דרימלענדיקע קלאַנגען
פֿון יונגער ליבע אין פֿאַרגעלטע בריוו.

פאַרגאַנג

פרעמדע פון אַלע עקן וועלט
קומען אין מיין הויז,
רייסן שטיקער פון מיין פאַרגאַנג
און צערטלען עס מיט מיטלייד
פאַר מיינע אויגן.

זאָג איך צו זיי:
מיט מיינע אייגענע הענט
האָב איך די לעצטע לאָפּעטע ערד
אויפגעהויבן אַנטקעגן דער רויטער זון
און געזאָגט:
דאָס וואָס ליגט אָט־דאָ
איז נישט ווערט די וואָרימקייט
פון דיר, מיין ערד.
און כ׳האָב אָפּגעוואַשן מיינע הענט
פון אַלץ וואָס איז געווען.
און אַלץ וואָס איז געווען איז נישט געווען.
נישט געווען.

אַקאָרד

מיר טראָגן די שוואַרצע לאַסט פון אונזער ערד
צום סאָף
וואָס וואַרט אויף אונדז
ווי די אַקאָרדן אונטער די פאַרטראַכטע הענט פון בלינדן.

דיין האַרבסט

דער ציטערדיקער ליכטפלאַם אויפן טיש
האָט זיך פאַרקוקט אויף דער געלער בלום,
וואָס ראַנגלט זיך אויף דיין געזיכט.
פון דיינע ווערטער
האָט אַ האַרבסט-גערויש זיך געבלאָנקעט
פאַר מיינע אויערן.
מיינע ליפּן האָבן נאָר באַרירט
די געלע בלום אויף דיין געזיכט,
און אויף מיין האַרץ
האָב איך די קאַלטקייט
פון אַ בלישטשענדיקער קאָסע דערפילט.

דערינערונג

אין אַ שלייער פון נאַכט-שאָטנס
שלייכט דיין בלאַסער סילועט
מיט אויסגעשפּרייטע הענט,
וואָס דערמאָנען אָן די הערנער
אויף אַ פאַרטראַכטן הירשן קאָפּ
אין דער נאַכט.

ווי אַ נאַכטוואַנדלערין
זע איך דיך אין מיין פאַרגאַנג
און שטיל
ווי די ערשטע טריט פון טאָג,
הער איך דיין גערויש
צווישן די שאָטנס פון מיינע פאַרגאַנגענע טעג.

אָט-אַזוי
שלעפּט זיך דיין פאַרגעסן לעבן
ווי אַ בלודנער הונט נאָך מיינע פיס-טריט.

זעכצניעריקע

לויטערער שטראָם —
קענסטו באַנעמען דאָס געמיט
פון שטילע פאַרכאָלעמטע וואַסערן?
קענסט פאַרנעמען דעם מידן גאָט,
וואָס רוט אין די נעפּלען?

יונגער שטראָם —
פון דיינע אָפענע אויגן
פלאַטערן אָפּגעפּליקטע שטיקלאַך בלאָ אין די נעפּלען,
מאָלסט בלאָלעכן באַטיק אין די נעפּלען.
האַלסטו דעם פאַרבאָרגענעם הימל אין דיין האַרץ?

מיינע גראָע נעפּלדיקע טעג וועלן דיר דערציילן
די כאָלוימעס פון שטילע וואַסערן.
וועסטו באַנעמען, קענסטו פאַרנעמען?
יונגער, לויטערער שטראָם.

אַנדזשעלינאַ

יאָר איין יאָר אויס
האָט אַ שטיק מיידלישע סיציליע
געזוניקט אונטער אַ שטויביקער שויב.
אירע פלינקע נערוועזע פינגער
האָבן געפלאָנטערט זיידענע פעדים
און געשלייפט זיידענע קנעפלעכער
אין מענערישע וועסטן.

דאָ פלעגט זי זיצן און זינגען
נישט מיט בענקשאַפט
צו איר קינדיש גרינער סיציליאַנער ערד
נאָר שעמעוודיק פאַרליבט אין זיך אַריינגעהערט
די פרעכע וויצן
פון די שניידער יונגען.

נאָר אַז אין אַ שיינעם פאַרנאַכט
האָט די שטויביקע שויב איר געבראַכט
איר פּאָנים וואָס האָט שוין געהאַט

אַ ווייגענדיקע ענלאַכקייט
צו איר מאַמען אין סיציליע,
האָט זי אָנגעשריבן אַ קוויטל
און אַריינגעלייגט אין איינעם
פון די מענערישע וועסטן:

איך בין אַ גוטע פּאַרדינערן
און אויך נישט קיין שלעכטע באַלעבאָסטע.
איך בין פאַרעלטערט. אָבער נאָך נישט גראָ.
אויב דו ווילסט מיך נעמען
געפין מיך דאָ און דאָ.

ליידים

מיטליעריקע ליידים זעט מען אָפט אין בילדער-גאַלערייען.
מיטליעריקע ליידים מיט בלויע וויאַנעדיקע אויגן קוקן
און עס זינגט פון זיי מיט ווערטער ווי גאָלדענע פליגן פון
דרימלענדיקע זומער-טעג.

אָט דאָס איז שטיללעבן. און אָט איז סעזאָן.

ווארעמע קנייטשן פון ווינט אונטער זייד.
רונצלען פון טיגער וואָס שוועבט דורך דער זון.
דער טאָג איז געוויינלאַך אַ גרינער אַ הערבסטיקער און פייפט
מיט ווינט און שמעקט מיט ערשטן שניי
און שמעקט מיט זאַלץ פון יאַם.
די נאַכט איז קאַלט און טונקלגרין ווי אַלטע פלעשער מיט דעם
רייאַך פון וויין און ס'שמעקט מיט ערשטן שניי.

מיטליעריקע ליידים שמעקן אָפט ווי הייסע מאַמע-כאַיעס
אין די בילדער-גאַלערייען.

מיטליעריקע לײדים האָבן ליבע סאַמעטענע פינגער און
בלויע װיאַנענדיקע בלימלאַך אין די אויגן פון די שיקערע
מאָדיליאַנים,
און עס שטראַלט פון זײ מיט אַזױפיל טרויעריקע פּאַרוואָסן.

און אַז איך זע די מיטליעריקע לײדים
אין אַ באַשײדענעם קרײַז אַרום אַ ניװד —
אָט אַזוי װי ס'האָט די מאַמע זי געהאַט —
װער װײסט נאָך מער דעם צאַר און פרייד
פון טראָגן און פון האָבן.

אַ גאָרטן

ווען מען וואָלט אונדז שוין געגעבן
דאָס שטיקל ערד,
וואָס מען וועט דאָך סאָף-קאָל-סאָף
אונדז מוזן געבן —
מיר וואָלטן זיך דערוויייל פאַרפלאַנצט אַ גאָרטן.

און צי דאַרף דען אַ מענטש,
ווי איך און ווי דו,
מער ווי אַן אייגענעם גאָרטן?

שפּעטער וועלן קילע שאָטנס
פון צוויי שווערע שטיינער
פאַלן אויף דער ערד,
אויף דעם העפקערדיקן גאָרטן
פון אונדזערע שטילע ביינער.

III

אָוונטלאַנד

[וועגן צוויי
און אַנדערע]

פרעלוד

מיט אָרעמס פון קיזל און אייזערנע שטערנס.
דורך ניסים
וואָס הענגען ווי פעלזן אויף קייטן פון בלייענע הימלען,
איבער דווירעס
וואָס הערבסטן און וואַקסן
ווי פינצטערע וועלדער אויף אַנטשלאָפענע יאַמען —
שאַלן און שאַלן די קריגס-ריף.
מיר טונקען די שווערדן אין וויין און מיר לויבן.
מיר בויגן די גרוי-רייכע קעפּ און מיר לויבן.
מיר לויבן. מיר לויבן.
דיין נאָמען מיר לויבן.

צו מיינע ברידער

לויט מיינע האָר און אויבערשטער ליפּ
קום איך פון אַן אַנדער ראַסע —
(פון וועמען האָב איך דאָס געהערט?)
אַזוי שרייב איך דאָס צו מיינע ברידער.

פון יענער זייט יאַם
האָב איך צוויי אָרימע ברידער —
דער מיט דער פייערדיקער באָרד
און דעם געשטעל פון אַ מויער,
זעט אויס ווי וואָטאַן דער דייטש
און פאָרט אום מיט אַ וועגעלע פּוטער
פון שטעטל צו שטעטל.
דער אינגערער איז בלאָנד און
האַנדלט מיט פלאַקס.
צו זיי און דער שורע בערגלאַך
וואָס שלאָפן ווי גרינע קי
אויף אַ פעלד קעגן דער כעלימער לעוואָנע,
שרייב איך מיט אַן אָפּגעפרעמדטער האַנט:

איך אייער געטרייער ברודער:
ס'איז אַ לאַנגע ווייסע ווינטער נאַכט.
שאָטנס פון ביימער ליגן ווי
געפרווירענע הירשן אויפן שניי.
דער פראָסט צינדט בלויע פייער-בלימלאַך
וואָס שמעקן מיט ווייטער קינדהייט.
נאָר מיין האַרץ איז אַ וויסטע כימערע
(צי פאַרשטייט איר וואָס דאָס מיינט!)
טונקל אומבאַגרייפלאַך איז מיין וואַנדערן.
אין דעם באָוול פון שפראַכן
און פון איין געדאַנק צום אַנדערן
בין איך אָפט אַ טיפע פינצטערע הייל,
וואו כ'הער צומאָל דאָס ברומען פון אַ כאַיע —
לויט מיינע האָר און אויבערשטער ליפּ
קום איך פון אַן אַנדער ראַסע —
(וואָס וועט איר זאָגן דערצו?)
איך אייער געקרייזלטער ברודער.

מ י ר

מיר זענען ווי די שווייגנדיקע קרייצן.
אויף אונדז הענגט צוגענאָגלט
די שיינקייט פונ׳ם לעבן.

ווי וואונדערלאַך מיר זיינען.

פאַר וועמען עס זינגט דער הארבסט
דאָס ליד פון פולע טוואוע שייערס
און וועמעס ליד עס קלאַמערט זיך,
ווי קינדערישע שרעק
צום פוילן האַלץ פון צלאָמים
ערגעץ אויף פאַרוויסטע וועגן.

VORTEX

יעקב גלאַטשטיינען

טויט — — —
ערד — זינד — טוגענט — טויט —
און שוואַרץ און רויט און ווייס און גרוי
און אַלץ וואָס שטאַרבט —
לעבט, געבערט און שטאַרבט —
איז אין געטריבענעם רינג אַרום מיר —
לעבט, געבערט און שטאַרבט
אינ׳ם געטריבענעם רינג אַרום מיר —

וויל איך — וועל איך — וויל איך אַרויס —
וויל איך אַן אָנפאַנג געפינען —
וויל איך געפינען אַ סאָף —
אַ סאָף
אַ סאָף
אינ׳ם געטריבענעם רינג אַרום מיר —
און אַלץ וואָס שטאַרבט —
לעבט, געבערט און שטאַרבט
שטאַרבט אַרום מיר — — —

שפיגלשפּראַך

ווער ביסטו, דו
וואָס פורעמסט אייביק אין גראָ?
און דו
וואָס קוקסט אויף מיר מיט דעם גאַנצן גראָען ווייסט פון הימל?
פאַרוואָס צערטלען דיינע פינגער
דעם קאַלטן בליי פון גראָע אינהאַלטלאָזע טעג?
פורעמסט געשטאַלטן
וואָס הערשן איבער דיר מיט זייער פּיין,
וואָס טראָגן שפּאָטיש דאָס געוויין
פון דיינע הענט.

אין דיין לעבן שלומערט דער טויט
ווי זאָמען אין דער ערד,
און גייט אויף אין דיין פּאָנים
ווי שטערן אין די נעפּלען.

דו פון קאַלטן בליי,
איך
שפּאָט-געשטאַלט פון דיינע גראָע אינהאַלטלאָזע טעג —
נאַרנישט זע איך אין דעם גראָען ווייסט פון דיינע הימלען.
בלויז שווייגנדיקע פאַרדרוסן
צינדן ווייסע פייערן אין דיין פּאָנים,
און דיין מויל איז אַ טויטשלאָס פון סוידעס.

ע ר ד

פֿאַרנעם מײַן ליכט.
באַװעגלאָז שװאַרץ און שטיל װי דו,
ערד מײַן ערד,
לאָז מײַן פּנים זינקען
אין דײַן שװאַרצן לײַב.
פֿאַרװיג מיך אין דעם גרינעם שלאָף
פֿון דײַנע אוּנטיקע גראָזן.

פֿאַרנעם מײַן רױש.
באַװעגלאָז שװאַרץ און שטיל װי דו,
ערד מײַן ערד,
פֿאַרװאַנדל מיך אין שלאָפֿנדיקן זומף.
לאָז מיך שמײכלען
מיט דעם זילבערגרין
פֿון שלאָפֿנדיקן זומף.
לאָז מיך אױפֿשטײן מיט דעם געלעכטער
פֿון דײַנע פֿרימאָרגנדיקע טײַכן.

שאָטנבערג

טאַפּעטן

אויף גאָלדיק־זוניקע טאַפּעטן
צום הימלבלוי פאַרבענקטע
קוקן שטילע אויסגעטראַכטע האָזן.
צווישן גראָזן בין איך אַ גראָז
און ס'פאַרוועבט מיך מיין פאַרביק וועלן.
וואָרים גאָלד
איז דאָס געוועב פון מיינע געדאַנקען.

ציטער־גרין פון ווייסע אָוונטיקע לאַנען
אין מיינע רייד
און גרינג ווי נאַכטיק־זילבערנע זונען
פאַרגייט מיין זיין.

עס ליגט אויף מיר ווי מירמלשטיין מיין דויער,
נאָך שווערער איז מיר דער טרויער
ווען כ'בין מיט דיר אַליין
מיין שטיל פאַרגיין.

דאָס וויפֿלטע מאָל

און שוין דאָס וויפֿלטע מאָל אַז איך טראַכט:
איך וואַנדער צווישן אַלטע ספֿאָרים,
מידבער-שטויב און קינדער-לידער.
ווייכע שטילקייטס-וועלן רוישן איבער מיר.

איך האָב זיך דערוועגט צו די שטערן.
איך האָב געלאָזט מיין אייגן ווערן
מיך צעשטערן.
אין זיך אַליין געזוכט,
אין זיך אַליין געגראָבן,
ביז כ'האָב דאָס שווייגן פֿון דער טיפֿעניש דערהערט:
ווער קען גראָבן טיפֿער ווי די ערד.

איצט שטייען מיינע טעג
ווי ווייסע פֿאַרשטיינערטע וועכטער
אַרום די גרינע גרינע געצן פֿון געדאַנק.
און איך אַליין
בין ווייסער וואַנדערנדער שיין
אויף אַלע שוואַרצע שווייגנדיקע טיפֿן.
ווייכע שטילקייטס-וועלן רוישן איבער מיר.

ש אָ ט נ ב ע ר ג

שאָטנבערג, גייט פאַרביי,
לאָזט פריי דאָס געררייד פון וואַסערן איבער אַלע פלאַכן.

עס איז ניט די לעוואָנע —
אַ געלער טיגער הויערט איבער די בערג,
זיין בלוטיק מויל האָט אַלץ שוין פאַרצוקט,
די שטילקייט פון הימל פאַרצערט אַלע שרעקן.

דורך גראָזן און זומפּן
אין מאַסקן פון זילבער שלייכן מיינע כאַלוימעס צו דיר,
בלויז דער אומעט פון פאַרגעסענער שיינקייט איז מיין.

שפּרייט אויס איבער מיר די פלאַכן פון די קאַלטע שוואַרצע טייכן,
לאָז מיך אין דיינע שווייגנדיקע טיפן,
די ווייכע וועלן זינגען מיינע לידער.

ל י י ם

געמיט פון שווערן לײמענעם בודא,
נער מיך פון דיין דרימלענדיקער רו.
אין שטילן וואנדער
בין איך דאס שווייגן פון א כאיע אין אן אײזערנער
גערדאנקען-שטײג
און פון די טיפן הער איך דאס שטיל געוויין
פון שווארצער מאכט און אײביק זיין.
ווען דרימלענדיקע רו באוועגט דעם שלאף פון גרין,
וואס וויינט אין מיר מיין מאכט פון א גרעזל?
שטומער לײם, גיב מיר אויך פון דיין דרימלענדיקער רו
פון דיין קאלטן שווייגן.

אַרום דעם רונדן טיש

א. לעיעלעסן

דאָ אהער, פון די ווייטע, ווייטע נאָנטע,
קומענדיקע וועגן
קומען זיי.
מיט די בלאָע, ברוינע, רויט און גרויע נעפּלען
אין די אויגן.
מיט יונגע, מיט רויע, און רויטע געבורטן,
מיט גרייזגראָען שווייגן פון שטאַרבנדיקן לעבן,
מיט גרייזגראָען פאַרשווייגן פון שטילן פאַרגיין.

דאָ אהער, אַרום דעם רונדן, דעמבן-שווערן טיש,
וואָס הערט דאָס גאָלד פון שווייגן.
וואָס הערט דאָס זילבער פון רייד
אויף קינדישע ליפּן,
פון רואיקע זקיינים.

דאָ, אין די בלינדע ווינקלען, אַרום דעם רונדן טיש,
טאָגט אין טוי דער קומענדיקער מאָרגן.

אין די בלינדע ווינקלען קוקן זיי
די ווייטע, נאָנטע
מיט די בלאָע, ברוינע, רויט און גרויע נעפּלען
אין די אויגן.

די ווייטע, נאָנטע
מיט דעם גאָלד פון שווייגן,
מיט דעם זילבער פון גרייזגראָע רייד.

און אַלע זענען שוואַרץ און שווייגן,
און קוקן אויף די אנגעשטרענגטע פינגער,
וואָס האַרן, האַרן
אויף דעם געשריי פון ניי-געבורט.

מעמענטאָ

שטילער פון שטיל-וואסער
נידריקער פון ערד —
בין איך.
דאָס געלעכטער פון מיינע כאַוויירים
פאַלט ווי גוטער טוי אויף מיינע ברעמען.

אויף הארטע פּרעכע וועגן
הער איך פיס-טריט קלינגען.
מיין איינציקער באַגער
איז אַ שווייגנדיק פרעגן:
וועמעס פוס וועט מיך צוטרעטן?

אומענדלאַך

אומענדלאַך ציט זיך די גרינע זעטיקייט איבער דער שטילער ערד.
אומענדלאַך שטומט דער ווייסער סאָד
איבער שטעט,
איבער אַלע וועגן פון דער וועלט.

און פונקט ווי יעדער בוים האָט זיין שאָטן
האָט יעדערער זיין טרויער.
און פונקט ווי יעדער בוים
האָט יעדער טרויער זיינע וואָרצלען אין דער ערד.

דו זאַטע רו פון דער ערד,
שווייגנדיקע מאַמע פון אַלע געבורטן,
צווילינג ברידער מיט טויט קומען מיר פון דיינע געדערים.

זונפאַרגײין

צווישן קאַלטע מאַרמאָרנע זײַלן,
פאַר אַ טראָן פון פורפור,
וואַרט אַ וואַלד פון שוואַרצן פאָלק
פאַרגעצט אין שווײַגן.

שטיל פליסט די ליטורגישע שאָ
איבער די בלאָע שלאָפנדיקע בערג.
פון די ווײַסע שטיינערנע אַלטאַרן
קרײַזט די גראָע הײליקײט אַרויף
אין שטילן בלאָ אַרײַן.

מיט באָרוויסע פיס
שפּרײַזט די הײליגקײט
איבער דער טויט-שטילער ערד
און קניט אין האַרץ פון פאָלק.

אויף דער טויט-שטילער ערד
פאַר דעם לײדיקן טראָן
שטײט פאַרגעצט אַ פאָלק
מיט ברויט און זאַלץ
און שווײַגט מיט שוואַרצן טויט.

מיט לודוויגן

שוין דעם צווייטן זומער
בליען דיינע ווייסע ביינער
אין דער זוניק וויסטער ערד.

האָסט געהאַלטן וואָרט
און איינגעגראָבן די פלעקער
פון דיין אייביקן ביידל
ערגעץ אויף אַ וויסטער ערד.

און ווי אָפט איך זע דיך נאָך
אין דיין זוניק טרויער-הויז
אויף דעם גרינעם באַרג-שוועל
פון לאָס אַנדזשעלעס.
איך רעד צו דיר
פון דיינע לידער
און פון דער ווייטער
ירושלים ד׳אַמעריקע.
נאָר דו דערציילסט מיר
פון הויכע ווילדע גראָזן

אויף אַ קלײנעם בערגל.

שוין דעם צװײטן זומער
בליען דײנע װײַסע בײנער —
מיט דער צײַט
װעסטו זיך נאָך צעװאַקסן
אין אַ שלאַנקן גרינעם אײקאַליפּט
איבער דײַן אײביקן בײדל.
און איך װעל קומען
רוען אין דײַן שאָטן
און רעדן צו דיר
פֿון אונזערע לידער,
פֿון אונזערע כאַװײרים,
די שטאָלצער קראַנקער
כאַװער מײַנער.

אָוונטלאַנד

עס ראָלן זיך, ראָלן זיך די ווייטע שטילע ברענענדיקע רעדער
פון צייט.

אויף דעם רוקן פון די וועגן
גליט די רויטע שאָ.
קיין הונט. קיין ווינט. קיין מוטערמענטש.
בלויז דער שאָטן פון מיזראַך
שטייט ווי אַ געלער שווייגנדיקער שקלאַף
באַ די אָפענע טויערן פון דער וועלט.
שאָטנס פון דער שוואַרצער ערד
צוקן אויף ווי ווייטע וואַנדער-כאָרן
און רוען אין די נעפּלען.
און שטיל —
אַ פייער-פעסט פאַר דער וועלט אַליין.
און מאַריוו גיסט מיט רויטן ווייַן
אויף שווייגנס ווייסער פאָן.

די יונגע זקיינים

אויסגעניכטערט פון אַלע וויינען
בלאָנקען מיר אין די גאַסן
ווי איינזאַמע זקיינים
אין הייסע זומער טעג.
אַמאָל פאַרשפּילן מיר זיך
מיט שטראַלן און מיט שפּינגעוועבן
און אַ פייכטער גאָלדענער זשאַווער
פון אייזן און פון כאָכמע
שמייכלט אין אונזערע ביינער.
נאָר אין יעדן ביסן ברויט
און אין קוועלנדיקן וואַסער
פילן מיר די ביטערקייט פון הייוון.
און פון דערזעלבער האַנט
וואָס ברענגט אַ קורצן דויער
וואַרעמקייט פון ליכט,
קומט דער נאָכטרויער
וואָס פאַרלעשט, פאַראיכט
און פירט אונדז שטענדיק
צוריק אין איינזאַמקייט,
וואו די הערצער זענען
ווי דאָס הייליקע ברויט
וואָס ווערט געבראָכן אינדערשטיל.